# לזהתעדן באהבתך

# וביראתך

חידושים נאים יקרים, ופירושים נאים, ציצים ופרחים,
ע"ד חסידות נאמרים, מתוקים מדבש ומנופת צופים.

**יוצא לאור ע"י כתה גבוה**

בתלמוד תורה "תורה ויראה" דרב"י דסאטמאר
לאנדאן יצ"ו

**שבועות**
תשע"א לפ"ק

# תורת אמת

**וישב משה את דברי העם אל ה'.**
רש"י זאגט אויף דעם "רצוננו לראות מלכנו", אז די אידן האבן געזאגט אז זיי ווילן זעהן השי"ת מ'דארף פארשטיין ווי איז מרומז אין פסוק אז זיי האבן דאס געענטפערט? נאר מען קען ענטפערן אז ס'איז מרומז אין פסוק "ויגד משה את דברי העם" משה האט פארציילט די רייד פון די אידן וואס איז די רייד? "אל ה'", אז זיי ווילן זעהן די אויבערשטער אליינס.

קדושת לוי
(משה ברא"ם לאנגבערג)

**ויעל עשנו כעשן הכבשן ויחרד כל ההר מאוד.**
דער גאנצע בארג, מיט אלע זיינע שטיינער איז פארברענט געווארן אזוי ווי מען פארברענט שטיינער אין א קאלאך אויוון און דעריבער האט דער גאנצע בארג געציטערט אזוי ווי ס'איז דער שטייגער פון די שטיינער ווען זיי ווערן פארברענט אין דעם קאלאך אויוון צו ציטערן און ארויסגעבן א קול פון פחד.

אור החיים הק'
(יוסף דוב סאלינסקי)

**וירד ה' על הר סיני אל ראש ההר.**
פארוואס איז די תורה געגעבן געווארן צו די אידן אויפ'ן בארג סיני און נישט אין ארץ ישראל?

א) כדי די גוים זאלן נישט האבן א תירוץ צו זאגן אז זיי האבן נישט אנגענומען די תורה ווייל זי איז נישט געגעבן געווארן אין זייער לאנד, נאר אין די לאנד פון די אידן.

ב) אויב דער אויבערשטער וואלט געגעבן די תורה צו די אידן אין ארץ ישראל וואלט געווען א קריגעריי צווישן די שבטים יעדער שבט וואלט גע'טענה'ט אז מ'זאל געבן די תורה אין זיין נחלה.

חזקוני
(יוסף דוב סאלינסקי)

**וידבר אלקים את כל הדברים האלה.**
וידבר אלקים אפילו ווען השי"ת פירט זיך אויף מיט'ן מענטש מיט מדת הדין און די בחינה פון אלקים דארף מען גדענקען, אנכי ה' אלקיך, אז דער זעלבער באשעפער וואס שיקט מדת הרחמים איז אויך דער וואס שיקט ח"ו דעם מדת הדין ה' הוא האלוקים.

משמרת איתמר
(נפתלי ענגלענדער)

**וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר.**
איבעראל ווי עס שטייט וידבר ה' אל משה לאמר מיינט עס צו זאגן וידבר ה' אל משה די אויבערשטער האט גערעדט צו משה לאמר צו זאגן פאר די אידן אבער דא ווען דער אויבערשטער גייט רעדן צו אלע אידן פארוואס שטייט לאמר?
שטייט אין ספר הק' נועם אלימלך אז די תורה זאגט אזוי: וידבר אלקים את כל הדברים האלה, די אויבערשטער האט געזאגט די גאנצע תורה, אלעס פאר איין תכלית – לאמר אנכי – צו גלייבן און צו וויסן אז עס איז דא נאר איין באשעפער אויף די וועלט אזוי זאגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך.
די גמרא אין חגיגה דערציילט אונז (דף יד:) אז ר' יוחנן בן זכאי איז געגאנגען אויפן וועג און געריטן אויפן אייזל און ר' אלעזר בן ערך האט געפירט די אייזל האט ר' אלעזר בן ערך זיך אנגערופן צו זיין רבי ריב"ז "איך מעג זאגן א דרש אין מעשה מרכבה וואס דו האסט אמאל געלערנט מיט אונז", "אמור זאג" – האט ריב"ז געענטפערט, בליץ שנעל איז ריב"ז אראפ געשפרינגען פון די אייזל און זיך מתעטף געווען אין א טלית און זיך אראפגעזעצט אויף א שטיין. האט ר' אלעזר בן ערך געפרעגט זיין רבי, "רבי מפני מה ירדת מעל החמור פארוואס ביסטו אראפ פון די אייזל", האט די ריב"ז געענטפערט "קען דען זיין אזוי אז די ביסט דורש במעשה מרכבה און די שכינה קומט אראפ צו אונז און די מלאכי השרת באגלייטן אונז און איך זאל רייטן אויף א אייזל?!" האט ר' אלעזר בן ערך אנגעהויבן צו דרש'ענען במעשה מרכבה איז א פייער אראפ געקומען פון הימל און ארומגענומען אלע ביימער אין פעלד און די גאנצע יצירה האט אנגעהויבן צו זאגן שירה פארן אויבערשטן און געזאגט הללו את ה' מן הארץ תנינים וכל תהמות עץ פרי וכל ארזים און א מלאך מן האש האט געזאגט, "ודאי הן הן מעשה מרכבה" און דאס איז געווען מיט ר' יוחנן בן זכאי, די קלענסטער תלמיד פון הלל און אויף די גרעסטע תלמיד פון הלל יונתן בן עוזיאל שטייט אז א פייגל וואס איז געפליגן העכער זיין קאפ בשעת ער האט געלערנט איז געווארן

פארברענט פון קדושה אבער אזוי ווי די חסידישע ספרים טייטשן כל עוף הפורח על גביו מיד נשרף אז "דער מלאך וואס איז געפלויגן העכער אים מיד נשרף איז געווארן א שרף פון גרויס קדושה און הלל פון שמעיה ואבטליון און שמעיה ואבטליון פון שמעון וואס ער איז געווען משירי כנסת הגדולה און אזוי וויטער ארויף צו די נביאים יחזקאל הנביא וואס "ויראה" די רבש"ע האט אים געוויזן די מרכבה ער האט געזען די כסא הכבוד אבער ביי מתן תורה ביי קריאת י"ס האט "ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בנבואה והיו מראיו באצבע" און מ'האט געוויזן מיט די פינגער מ'האט געזען די שכינה אבער מ'האט נאך אלץ נישט געקענט משיג זיין די "אנכי ה' אלקיך" צו וויסן און צו גלייבן אז עס איז דא איין באשעפער אויף די וועלט דאס קען מען נאר דורך די תורה! נאר דורכ'ן הארעווען און זיך פלאגן אין די הייליגע תורה נאר דערמאלטס קען מען משיג זיין און לעבן מיט דעם אז דער באשעפער איז איינציג.

דאס איז פשט אין פסוק וידבר אלקים את כל הדברים האלה נאר דורכ'ן לערנען נאר אזוי קען מען – לאמר אנכי – וויסן אז דער אויבערשטער איז איינציג.

מפי מגיד שעורינו הרה"ג ר' יעקב יצחק שיינפעלד שליט"א
(התלמידים)

**אנכי ה' אלקיך.**

דער אויבערשטער האט געזאגט דעם דיבור אנכי ד' אלקיך בלשון יחיד, ווייל אויף אמונה אין אויבערשטן איז יעדער א יחיד. יעדער איד איז משיג עניני אמונה לויט זיינע אייגענע באגריפן. לויט וויפיל תורה און יראת שמים ער פארמאגט, אזוי פיל איז זיין השגה אין אמונה בה'.

שפתי כהן
(יואל זלמן שווארץ)

**אנכי ה' אלקיך.**

אנכי איז די זעלבע ווי אח"ד, ווי פאלגענד א' מאל א' איז איינס, ח' מאל ח' איז 64, ד' מאל ד' איז 16 צוזאמען איז דאס איין און אכציג כמנין אנכי.

(רביינו בחיי)
(מנחם לנדאו)

**מארץ מצרים מבית עבדים.**

ביי יציאת מצרים האט זיך אפגעשפילט צוויי סארט יציאת, מארץ מצרים, דאס איז געווען א רחניות'דיגע און א גייסטישע יציאה, מבית עבדים, דאס איז געווען א גשמיות'דיגע יציאה מ'זאל נישט דארפן אזוי שווער ארבעטן.

הרה"ק רבי יחיאל מאיר זצ"ל
(מנחם לנדאו)

**אשר הוצאתיך מארץ מצרים.**

פארוואס שטייט נישט אשר בראתי שמים וארץ וואס דאס איז לכאורה א גרעסערע באוויז אויף יחוד השם?

א) ווייל די בריאת שמים וארץ האט מען נישט מיט געהאלטן דערקענען דער נס פון יציאת מצרים איז געווען א נס גלוי וואס יעדער האט געזען און איז דורכדעם געווארן איבערגעצייגט אז השי"ת האט באשאפן די וועלט.

באר משה

ב) נאר ווייל דער פסוק האט געוואלט שרייבן אזא סארט זאך וואס איז געווען בלויז מיט די אידישע קינדער אליין דעריבער האט די תורה געשריבן אשר הוצאתיך מארץ מצרים.

נטע שעשועים
(משה לאנגבערג בראו"ם)

**לא יהי' לך אלהים אחרים על פני.**

ווי אזוי איז מען זוכה ניצול צו ווערן פון מחשבות זרות פון לא יהי' לך אלהים אחרים? דער ענטפער דערויף איז, על פני, ווען מ'טראכט שטענדיג אז מ'געפינט זיך נעבן השי"ת ווערט מען ניצול דערפון.

(נועם מגדים)
(משה בר"א לאנגבערג)

**לא תשא את שם ד' אלוקיך לשוא.**

א מענטש טאר נישט אויספאפן אנדערע מענטשן מאכענדיג זיך ווי אן עובד ה', אויב ער איז עס נישט דאס זאגט די פסוק לא תשא את שם ה' "לשוא" טראג נישט פאלש ביים נאמען פון די אויבערשטער אינדרויסן ווען אין פנימות פירסטו זיך נישט ערליך.

אור החיים הק'
(נפתלי ענגלענדער)

**זכור את יום השבת לקדשו.**

און סדר ערכי יושר ווערט געברענגט אז שמירת שבת איז מסוגל פאר א גוטן זכרון דאס איז פשט אין די מאמר חז"ל זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו אז דורכ'ן שמור ווערט שטערקער דער זכו"ר.

**זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו (רש"י).**
די ביידע גייען צוזאמען זכור, דער וואס געדענקט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט דער איז שמור אפגעהיטן פון עבירות.
(מאור ושמש)
(מנחם יודא לנדאו)

**זכור את יום השבת לקדשו.**
"לקדשו" איז די אותיות לקדש ו' ווייל דורך שמירת שבת כהלכה איז מען מקדש אלע זעקס טעג פון די וואך.
שפתי כהן
(מרדכי יודא לעוו)

**ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לה' אלוקיך.**
זעקס טעג זאלסטו דינען דעם באשעפער מיטן טוהן דיין ארבעט ווי עס געהער און אין זיבעטן טאג זאלסטו דינען דעם אויבערשטן דורך רוען פון די ארבעט "שבת לה' אלוקיך" קומט אויס אז די ווארט "תעבוד" דינען דעם באשעפער, גייט ארויף אויך אויף ויום השביעי שבת לה' אלוקיך.
רבינו בחיי בשם הרמב"ן
(נפתלי ענגלענדער)

**שמור את יום השבת לקדשו.**
"שמור" קען אויך געטייטשט ווערן פון לשוןווארטן ווי דער פסוק זאגט "ואביו שמר את הדבר" עס איז רמז אז א איד דארף ווארטן אויפן שבת אנצוקומען ווי די חז"ל דערציילן אז ר' ינאי האט זיך איינגעוויקלט אין א טלית ערב שבת און געזאגט "בואי כלה בואי כלה".
חזקוני
(יחזקאל הלוי וואזנער)

**ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך.**
די גאנצע וואך דארף א מענטש געדענקען צום ערשט קומט "תעבוד" צו דינען דעם אויבערשטן און נאכדעם קומט "ועשית כל מלאכתך" זיינע אייגענע געברויכן.
גנזי יוסף
(מנחם לנדאו)

**שבת לה' אלוקיך.**
דער קול פון שמירת שבת איז צו געדענקען אז לה' אלוקיך אז די גאנצע בריאה ווערט געפירט בלויז דורך די אויבערשטער אליינס.
תורת אבות סלאנים
(נפתלי ענגלענדער)

**כבד את אביך.**
אין זכות פון אפהיטן ריכטיג די מצוה פון כיבוד אב ואם וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה און משיח וועט קומען בקרוב. א רמז דערצו דער סופי תיבות פון כב"ד א"ת אב"ך איז גימטריא משיח בן דוד (424).
חומת אנך – חיד"א
(נפתלי ענגלענדער)

**אשר לרעך.**
אין דעם פון די עשרת הדברות איז מרומז אלע מצוות דרבנן ווי פאלגענד:
**א** = אבילות (זיבן טאג טרויער אויף די ז' קרובים די ערשטע טאג מדאורייתא)
**ש** = שמחה (משמח זיין א חתן כלה ביי זייער שמחה)
**ר** = רחיצה (דאס איז נטילת ידים וואס שלמה המלך האט מתקן געווען)

**ל** = לחם (דאס איז פת עכו"ם אין דעם איז אויך נכלל בישול עכו"ם)
**ר** = רשויות (אז מ'טראגט נישט פון איין רשות צום אנדערן)
**ע** = עמלק (מקרא מגילה וואס דערציילט וועגן המן פון די אייניקלעך פון עמלק)
**ך** = כהנים (נס חנוכה וואס איז געשעהן דורך די כהנים כ"ה כסלו)
חתם סופר
(נפתלי ענגלענדער)

אויך איז דא מרומז די שבע מצוות בני נח:
**א** = אלילים (זיי טארן נישט דינען קיין עבודה זרה)
**ש** = שפך (זיי מוזן הרג'ענען די בהמה פארן עסן און נישט עסן אבר מן החי')
**ר** = רשויות (זיי דארפן אויפשטעלן בתי דיינים – מלשון ואל תתוקע לרשות)

**ל** = לשון (זיי טארן נישט שעלטן דעם אויבערשטן ר"ל)
**ר** = רציחה (פארבאטן צו הרג'ענען א צווייטן)

ע = עריות ( דער איסור פון גילוי עריות גייט אן ביים גוי אויך)

ך = כסף (גזל מער ווי א שוה פרוטה גייט אן ביים גוי אויך)

חתם סופר
(נפתלי ענגלענדער)

**לא תחמוד בית רעך.**
דער פסוק האט צוזאמען געשטעלט צוויי אסורים לא תחמוד אשר לרעך און לא תחמוד בית רעך מרמז צו זיין אז פונקט ווי מיט א פרעמדער פרוי איז אסור זיך מייחד צו זיין די זעלבע מיט פרעמדע געלט טאר מען זיך נישט מייחד זיין מ'דארף אוועקשטיין דערפון.
הרה"ק היהודי הקדוש זצ"ל
(נפתלי ענגלענדער)

**וכל העם רואים את הקולות רואין את הנשמע (רש"י).**
יעדן טאג ווערן נתחדש אויבן אין הימל חידושים אין די תורה הקדושה אין יעדער איד וואס איז מקדש ומטהר זיינע אברים און חושים איז זוכה צו זען די דאזיגע חידושים, ווען ער עפענט אויף א ספר צום לערנען. זאגט רש"י "רואין" – אידישע קינדער קענען זעהן לערנענדיג אין א ספר "את הנשמע" די חידושים וואס ווערן געהערט אויבן אין הימל.
אמת ליעקב
(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

**הגבל את ההר וקדשו.**
די גרעניץ פון אות ה' איז ד"ו ( א אות פאר דעם און א אות נאכדעם) און די גרעניץ פון אות ר' איז ק"ש צוזאמען איז עס אותיות קודש דאס זאגט דער פסוק הגבל את ה"ר באגרעניץ די הר וועט אויסקומען וקדשו – קודש.
דרשות חתם סופר
(אלי' בערקעוויטש)

איך האב געהערט פון אדמו"ר מו"ה מענדל זצלה"ה מרימנוב זי"ע וואס ער האט מפרש געווען די גמרא הכל מודים דבעצרת בעינן נמי לכם ווייל שבועות האבן די אידן מקבל געווען די תורה הקדושה און אויב די אידן וואלטן נישט מקבל געווען די תורה הקדושה וואלט די וועלט צוריק געווארן תוהו ובוהו איז דורך די אידן בלייבט די וועלט שטיין דאס זאגט די גמרא הכל מודים דעצרך בעינן נמי לכם אז די וועלט דארף די אידן ווייל זיי האלטן די וועלט.
אור לשמים – אפטא
(אלי' בערקעוויטש)

**בריך רחמנא דיהיב לן אוריין תליתאי לעם תליתאי ע"י תליתאי ביום תליתאי בירחי תליתאי.**
האב איך דא פינף מאל דריי צוזאמען איז פופצן.
די תורה האט מען געגעבן דריי מאל ביים בארג סיני און ביי די אוהל מועד און אין ערבות מואב פינף מאל פופצן איז מ"ה די גמטריא פון די שם הוי"ה (במילוי) דאס איז וואס איך זאג בריך רחמנא ווייל מ"ה איז בבחינת רחמים אויב דו וועסט דאס רעכענען בריבוע (דאפעלן די סכום לויט יעדע אות) וועט דאס אויסקומען אזוי, אוריין תליתאי איז דריי, לעם תליתאי דריי מאל דריי איז 9 ע"י תליתאי דריי מאל ניין איז 27, ביום תליתאי דריי מאל 27 איז 81, בירחי תליתאי דריי מאל 81 קומט אויס רמ"ג מיט די מ"ה פון פריער איז דאס רפ"ח די צאל פון די ניצוצי נשמות וואס זענען געווען ביי מתן תורה. די ר"ת פון ר'ופא ח'ולי ע'מו י"שראל איז בגמטריא רפ"ח ווייל די נשמות דארפן א רפואה. אויב דו וועסט דאפלען רמ"ג דריי מאל (סיני באהל מועד ערבות מואב) וועט דאס אויסקומען תשכ"ט די גימטריא פון קרע שטן לייג צו נאך 15 ווי אויבן גערעדט וועט דא אויסקומען די זעלבע גימטריא פון עדן ווייל די ענדע נ' רעכענט מען פאר 700 (מנצפ"ך) ווייל זיי האבן הנאה געהאט מזיו עדן העליון.
דרשות חתם סופר
(אלי' בערקעוויטש)

# עצי תמרים

**לא יהיה לך אלקים אחרים.**
יעדע פרעמדע מחשבה ביי א מצוה איז אין די בחינה פון "לך" פאר די אייגענע הנאה, און עס גייט אריין אין גדר פון אלהים אחרים ווייל דאס זעהט אויס ווי ער דינט צוויי, דעם באשעפער און זיך אליין.
ייטב לב
(יואל זלמן שווארץ)

**השמרו לכם עלות בהר**
השי"ת האט זיי אנגעזאגט א הקדמה פאר מתן תורה "השמרו לכם עלות בהר" ענק זאלן זיך היטן נישט אריינפאלן אין די שלעכטע מדה פון גאוה (מען פילט זיך ווי א גרויסע בארג) ונגוע בקצהו וואס אפי' אביסל פון די מדה איז אויך שרעקליך אנצורירן.
ייטב לב
(שלמה ארי' פרענקל מב"ח)

# למען תספר

**למען יאריכון ימיך.**
צוריקקומענדיג פון די לויה פונעם שפת אמת האט זיין זון דער ממלא מקום ר' אברהם מרדכי ז"ל זיך אנגערופן צו זיין ברודער ר' משה בצלאל (הי"ד) "יא, יא, אונזער טאטע האט זוכה געווען צו אריכת ימים".
"וואס הייסט?" האט זיך דער ברודער געוואונדערט, "דער טאטע איז דאך אינגאנצן אלט געווען קוים זעכציג יאר?"
האט ר' אברהם מרדכי געענטפערט "לאנגע יארן האט ער טאקע נישט דערלעבט אבער צו לאנגע טעג האט ער יא זוכה געווען..."

**אנכי ה' אלוקיך.**
אין די ספר בינת יעקב ווערט געברענגט, כ'האב געהערט פונעם ראפשיצער רב זצ"ל אין נאמען פון הרה"ק רבי ר' אלימלך זצ"ל וואס ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט בזה"ל: נישט נאר אז כ'געדענק דעם מעמד הר סיני, נאר כ'געדענק אויך נעבן וועמען איך בין געשטאנען".

(יואל זלמן שווארץ)

**לא תגנוב.**
אין א געוויסע שטאט וואו עס איז פארגעקומען זייער אסאך גניבות איז געקומען צו גיין א מגיד, ווען מ'האט אים מכבד געווען מיט א דרשה האט ער אנגעהויבן, "געווענליך שטעל איך זיך אויף די וואכענדיגע סדרה, אבער דא אין שטאט מוז איך מיך שטעלן אויף מיין רענצל אויס מורא אז מ'זאל עס נישט גנב'ענען...
(יואל זלמן שווארץ – שלמה ארי' פרענקל מב"ח)

**לא תגנוב.**
הרה"ק ר' נטע מחעלעם זצ"ל פלעגט זאגן פארוואס האט דער בעש"ט געוואוינט אין די וועלדער און הרה"ק ר' ישראל מרוזשין זצ"ל אין א פאלאץ? ווייל דער בעש"ט איז אראפגעקומען מתקן זיין די וועלדער ווייל אזוי ווי אין יענע צייטן האבן זיך געדרייט גזלנים אין די וועלדער האט ער זיך באזעצט אין די וועלדער, שפעטער האבן שוין די גזלנים געוואוינט אין פאלאצן האט זיך הרה"ק מרוזשין זצ"ל באזעצט אין א פאלאץ...
(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

**לא תחמוד.**
א חסיד האט אמאל געפרעגט זיין רבי'ן דער אהבת ישראל ז"ל וואס איז דאס אז זיין קאנקורענט האט אזויפיל קונדן אין די צייט וואס צו אים אין געשעפט קומען אריין זייער ווייניג מענטשן, האט אים דער רבי מיט א שמייכל ערקלערט, דיין קאנקורענט פירט בלויז זיין געשעפט, דערקעגן דו פירסט סיי זיין געשעפט און סיי דיינס, זעט אויס אז דו טויגסט נישט פאר צוויי געשעפטן...
(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

דער הייליגער שינאווער רב האט געזאגט אז זיין טאטע איז צוגעקומען צו התפשטות הגשמיות ממש בשעת'ן ליינען די עשרת הדברות און ער האט צוגעלייגט אז יעדער איד קען צוקומען צו אזא מדריגה דורך דעם וואס ער גרייט זיך צו צום יו"ט.
דברי מנחם סטראפקוב, שבת נחמו
(אלי' בערקעוויטש)

עס שטייט אין ספר ארי שאג, איך האב געהערט פון מיין טאטען (רבי סיני מזמיגראד זי"ע) וואס ער האט געהערט פון זיין פעטער כ"ק הגאון בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע אז אמאל האט אים זיין טאטע די הייליגע דברי חיים זי"ע געפרעגט:
"ווילסט ביי די עשרת הדברות זעהן און הערן אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וכל העם רועים את הקולות?"
"יא, איך וויל", האט דער שינאווער רב געענטפערט.
און ווי נאר דער הייליגער דברי חיים האט אנגעהויבן צו ליינען די עשרת הדברות האט דער הייליגער שינאווער רב געזעהן און געהערט די קולות וואס איז געווען ביי מתן תורה ביז ער האט ממש געפילט אז ער גייט אויס און תיכף דערמאלטס האט דער

הייליגער ד"ח געקוקט אויף זיין זון און מרגיש געווען וואס ער פילט און ער האט ארויפגעלייגט זיין הייליגע האנט אויף אים און דורך דעם צוגענומען די מדריגה.

(אלי' בערקאוויטש)

עס האט זיך אמאל געמאכט אז א חסיד פון הרב הקדוש ר' יהושע מבעלזא זצ"ל איז געקומען צו פארן אויף דעם הייליגן יו"ט שבועות קיין בעלזא. די נסיעה פון דעם חסיד איז נישט לייכט אנגעקומען, ווייל ער איז געקומען פון א ווייטע רוסישע שטעטל, אבער וואס טוט מען נישט כדי צו זיין במחיצת קדשו פון א צדיק אמת. ווען ער איז אריינגעקומען שלום נעמען, האט אים די צדיק געזאגט, "פאר צוריק אהיים לחיים ולשלום", און דאן האט ער גענומען א גארטל און געגעבן פאר דעם חסיד, זאגענדיג: "נא דיר דעם גארטל במתנה ווען דו וועסט זיין וואך שבועות ביינאכט, זאלסטו נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם גארטל". דער חסיד, הערנדיג די ווערטער פון צדיק איז ער געווארן שטארק איבעראשט, ער האט זיך אנגעהויבן בעטן ביים צדיק: "ס'טייטשט, רבי", האט ער געזאגט, "איך בין דאך געקומען אזא שווערע נסיעה צום רבי'ן, כדי זיך צו אויסהאלטן ביים רבי'ן אויף שבועות, אויב אזוי ווי קען איך זיך יעצט צוריק אהיים קערן". דער צדיק האט אבער פון גארנישט געוואלט הערן. ער האט דאן נאך שטרענגער א זאג געטוהן: "פרעג נישט יעצט קיין קשיות, אז איך האב דיר עפעס געהייסן טוהן, טו עס אן פרעגן קשיות". דאן האט דער צדיק צוגעלייגט: "זיי געווארנט אנצוטוהן דעם גארטל שבועות ביינאכט ווי איך האב דיר געזאגט, אבער דאס יאר זאלסטו נישט גיין אין שוהל זאגן תיקון ליל שבועות נאר זאלסט בלייבן זיצן אינדערהיים זאגן דארט דעם תיקון".

בלית ברירה, האט זיך דער חסיד געזעגנט פונעם צדיק און זיך געלאזט אין וועג אריין. ווען ער איז אנגעקומען אהיים, איז שוין געווען ערב שבועות שפעט נאכמיטאג נאנט צו מנחה. ווען דאס ווייב האט אים פלוצלונג געזעהן צוריק קומענדיג אהיים, איז זי זעהר ערשטוינט געווארן "וואס האט מיט דיר פאסירט?" האט זי אים פארוואונדערט געפרעגט, "פארוואס ביסטו פלוצלונג צוריקגעקומען, נאכדעם וואס דו האסט באשלאסן צו זיין אויף שבועות ביים רבי'ן און דערצו נאך אין אזא שפעטער שעה?" ער האט איר געענטפערט, נישט ווייניגער פארוואונדערט: "גלייב מיר אז איך וויס פונקט ווי דו, אזוי ווי איך בין אריינגעקומען צום צדיק שלום נעמען האט ער מיר געזאגט, קורץ און שארף: "פאר צוריק אהיים און דערביי האט ער מיר געגעבן דעם גארטל זאגנדיג אז איך זאל דאס אנטוהן שבועות ביינאכט", די פרוי האט זיך עטוואס בארואיגט, זאגנדיג: "אז דער רבי האט אזוי געהייסן איז געוויס פארהאן דערין א געוויסע כוונה". עס איז געווען שבועות ביינאכט, ווען דער חסיד איז געזעסן ביי זיך אינדערהיים זאגנדיג תיקון ליל שבועות זייענדיג ארומגעבינדן מיטן גארטל ווי דער רבי האט אים באפוילן ער זאגט אזוי הויך אויפ'ן קול, פלוצלונג הערט ער שווערער טריט אונטערן טיר, ער האט שוין פארשטאנען וואס דאס מיינט, אז א באנדע רויבער האבן זיך דא אנגעריקט, ער האט שוין כמעט משלים געווען מיט'ן פאקט אז זיי וועלן אים יעצט דא ערלעדיגן ח"ו אזוי ווי זיי האבן געגעבן א ברעך אויף די טיר וועלנדיג איבערפאלן דעם חסיד מיט זיין הויזגעזונט, אזוי ווי זיי האבן געזעהן דעם חסיד זענען זיי געבליבן שטיין ווי פאראליזירט נישט קענעדיג ארויס ברענגען א ווארט פון זייער מויל. דער חסיד האט דאן געגעבן א שלעפ אראפ זיין גארטל און פארבינדן דערמיט זייערע הענט און פיס. ער איז באלד ארויסגעלאפן אלאמירן די פאליציי. וועלכע האבן תיכף אפגעפירט די גזלנים אין געפענגעניש. דער חסיד האט שוין יעצט פארשטאנען פארוואס דער צדיק האט אים געהייסן צוריק אהיימגיין צו ראטאווען זיין הויזגעזונט, אבער ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס איז באפאלן אזא פלוצלונגדער שרעק ווי נאר זיי האבן איבערגעטרויטן זיין שוועל? ווען מ'האט שפעטער אויסגעפארשט די גזלנים איז דאן קלאר געווארן די גאנצע מעשה.

די גזלנים האבן דערציילט פאר די פאליציי אז זיי האבן געהערט אז דער חסיד פארט אוועק האבן זיי באשלאסן צו דערשלאגן די פאמיליע צום טויט און דאן באראבעווען זיין גאנץ פארמעגן, אבער וויבאלד זיי האבן נאר געזען דער חסיד ארומגעבינדן מיט דעם גארטל איז אויף זיי געפאלן א שרעק און זיי האבן גארנישט געקענט טוהן. דאן איז שוין געווארן פארשטענדליך דעם צדיק'ס טיפע כוונה, באפעלנדיג דעם חסיד צו בלייבן ביי זיך אין שטוב און זיך ארומבינדן מיט דעם רבי'נס גארטל וועלכע איז באמת געווען א א שמירה פאר אים צו אויסגעהיטן ווערן פון א סכנה און ארויסקומען דערמיט שלם בגופו ושלם בממונו.

(משה בן ר' אלי' מרדכי לאנגבערג)

**כבד את אביך ואת אמיך.**
אין איינער פון די פראסטיגע ווינטער נעכט, ווען די ערד איז געווען באדעקט, מיט א דיקע שיכט שניי, האבן די אידן פון די שטאט סאלאנט געזען ווי א געשטאלט רירט זיך אין די פינסטערניש פון די נאכט "ווער קען דאס זיין?" האבן זיי דערשראקענערהייט געקלערט צו זיך. ווען עס איז אבער פארביי א לענגערע צייט און זיי זעהן ווי די געשטאלט באוועגט זיך נאך אלץ אהין און אהער זענען זיי צוגעגאנגען אינעם ריכטונג פונעם געשטאלט ווי ערשטוינט זענען זיי געווארן ווען זיי האבן באמערקט אז דאס איז גאר די גאון רבי זונדל סאלאנטער ז"ל וועלכע שטייט מיט א שאוול און שארט די שניי. "פארוואס דארף די רבי דאס טאן האבן זיי געפרעגט די גאון האט ערקלערט אז לויט זיין ידיעה דארף זיין מאמע דורכגיין דא מארגן. ווייל ער זיכער מאכן אז די וועג איז ריין פון שניי. דער מצוה גיט ער נישט אוועק פאר א צווייטן.
(שלמה ארי'ה פרענקל מב"ח)

**כבד את אביך ואת אמיך.**
אין ספר בישישם חכמה ווערט צוגעברענגט אז מ'האט אמאל געפרעגט ר' יושע מבלעזא ז"ל פארוואס די דייטשע גוים זענען שענער מכבד די עלטערן ווי להבדיל אידישע קינדער האט די צדיק גענטפערט זיי געבן כבוד פאר עלטערן וואס האבן זיי געברענגט צו א וועלט וואס אלעס איז מותר און מיר געבן כבוד פאר עלטערן וואס האבן אונז געברענגט צו א וועלט וואס אלעס איז אסור...
(שלמה ארי' פרענקל מב"ח)

**תיקון ליל שבועות.**
עס איז געווען נאך די ערשטע וועלט מלחמה ווען דייטשלאנד האט איינגענומען אסאך שטעט ארום ווילנא און ליטא וכו' דערמאלטס האט די רעגירונג ארויס געגעבן א גזירה אז מען מוז לערנען און פאבליק סקולס און נישט אין די אידישע חדרים זאגנדיג אז עס דרייט זיך ארום א קראנקהייט און מען קען עס שנעל כאפן מען האט געוויסט אז דאס איז סתם א באבע תירוץ און זיי ווילן פשוט פייניגן די אידן. די ראש ישיבה פון די בארימטע ישיבה תפארת הבחורים האט מען איינגעזעצט אין תפיסה פארן יא לערנען תורה אין ישיבה. און נאך מענטשן וואס האבן עובר געווען אויף די גזירה האבן זיי איינגעזעצט. די ראש ישיבה האט זיך איינגעארדנט און געזאגט אז אלע בחורים זאלן קומען ביינאכט לערנען אין ישיבה. ווען די רעגירונג האט זיך דערוויסט האבן זיי ארויסגעגעבן א גזירה אז מען טאר נישט גיין אין גאס ביינאכט. עס איז געווען ערב שבועות האט די ראש ישיבה אויסגערופן נאכן זיצן א מאנאט אין תפיסה אז אזוי ווי מען דארף זאגן תיקון ליל שבועות זאל יעדער איינער קומען ווען עס איז צופרי מיט די יו"ט'דיגע קליידער און מען וועט דאווענען און עסן די סעודה און דערנאך תיקון ליל שבועות. עס איז טאקע אזוי געווען אלע בחורים זענען געקומען און מען האט געדאווענט און געגעסן און אנגעהויבן זאגן תיקון ליל שבועות. צווי בחורים זענען נישט געקומען צוליב פארשטענדליכע סיבות, און עס האט זיי פארגליסט צו קומען ווער ווייל נישט זיין אין ישיבה ביי תיקון ליל שבועות, האבן זיי זיך ארויסגעכאפט און געגאנגען פארזיכטיג אין די שטילע געסלעך צו ישיבה. פלוצלונג הערן זיי א געשריי "האלטן די הענט אין די הייך", עס איז געווען שטאק טינקל ארום קוקענדיג זעהן זיי צוויי דייטשע פאליציי זיך נישט פארלירנדיג זענען זיי אריבער געשפרינגען די טויער פון ישיבה און געזאגט פאר זייער ראש ישיבה. די ראש ישיבה האט זיך דערשראקן אבער זיך נאכדעם בארואיגט טראכטנדיג אז אין זכות פון שבועות וועט גארנישט פאסירן. אפאר מינוט שפעטער האבן די פאליציי זיך אריינגעריסן און געפרעגט וואס טוט מען דא האט די שמש געענטפערט אז מען פייערט יום טוב, פרעגט ער ווער איז די הויפט דא, האט ער געוויזן אויפן ראש ישיבה און האט אים איבער געגעבן א בריוו, ער איז געווען זיכער אז דאס איז א אנלאדנונג צו די תפיסה אבער צו זיין גרויס וואונדער איז געשטאנען אין די בריוו אין לשון הקדוש אז די פאליציי וואס האט געגעבן די בריוו איז א איד וואס מען האט אים געצווינגען צו קומען אין מיליטער און מען זאל אים געבן די אידישע געברויכן וואס ער דארף מען האט טאקע אזוי געטוהן אין זכות פון תיקון ליל שבועות.
(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

**גראז אויף שבועות.**
אין דער שטאט אוסטראה האט געוואוינט א ארימע איד אבער זייער א פרומער, זיין נאמען איז געווען רבי הירש, געוואוינט האט ער ביים עק שטאט אין אן אלטע אפגעריסענע הייזקע וואס דער דאך האט זיך נאר געהאלטן אין זכות פון די האלצערנע זויל וואס האט עס אונטער געהאלטן אז עס זאל נישט צאם פאלן. קיין מעבל איז דארט נישט געווען אויסער איין צובראכענע בענקל וואס איז געווען צוגעשרויפט צו די וואנט כדי עס זאל נישט צאמפאלן, די בענקל איז

נאר גענוצט געווארן דורך אורחים וואס זענען געקומען צו זיין שטוב, ער אליין פלעגט תמיד זיצן אויף זיין איינציגער בעט וואס דארטן האט ער געלערנט יומם ולילה. די שטאט'ס לייט האבן גארנישט געוויסט פון זיין גרויסקייט, זיי האבן געוויסט אז דער אידל איז פרום און ערליך, נו מאי כולי האי און זיי האבן נישט גענומען צופיל אויפמערקזאמקייט. דערמאלטס האט אין אוסטראה געוואוינט דריי גרויסע צדיקים וואס אלע זענען געווען פון די תלמידי בעל שם 1) דער שטאט'ס רב ר' מאיר מרגליות 2) דער שטאט'ס מגיד ר' יעקב יוסף (רבי ייב"א) און 3) דער באקאנטער צדיק רבי פנחס'ל קאריצער. קיינער פון זיי האט נישט געוויסט די גרויסקייט פון הערשעלע ווייל ער איז געווען אזוי באהאלטן פון די וועלט, אויסער ר' פנחס'ל קאריצער וואס ער האט געוויסט פון דעם ווייל די בעל שם טוב אליין האט אים געזאגט אז אין זיין זכות האלט ער אפ די אלע פרעניות אויף די שטאט אוסטראה. איינמאל זענען די דריי צדיקים געזעצן אום יו"ט שבועות און עוסק געווען בדברי תורה און זיי האבן געשמועסט וועגן די ענין פון אויסשפרייטן גראז, יעדער איינער האט געזאגט אויף דעם א באזונדערן רמז אבער זיי האבן נישט געקענט צוטרעפן א סמך אין די גמרא צו זייער רמז אינמיטן רופט זיך אן צו זיי ר' פנחס'ל, "לאמיר גיין צו רבי הערשעלע, ער וועט אונז קענען זאגן עפעס א גוט ווארט". די צוויי חברים האבן נישט געוואלט עובר זיין אויף דעת חברים זענען זיי מיט געגאנגען ביז זיי זענען אלע דריי אנגעקומען צו זיין הייזקע, זיי זענען אריין און אים געטראפן לערנען שולחן ערוך צוליב זייער כבוד האט ער מפסיק געווען. "זאגט אונז רבי הירש, פארוואס פארשפרייט מען אויס גראז אויף שבועות וואס וויל מען ווייזן דערמיט", האט ר' פנחס'ל געפרעגט. האט ר' הירש געזאגט אזוי, "די גמרא דערציילט אין עירובין אז ר' אדא בר מתנה האט אמאל באשלאסן צו גיין לערנען אין עפעס א ישיבה פאר א לאנגע צייט האט זיין ווייב געפרעגט פון ווי וועל איך קענען געבן עסן פאר די קינדערלעך האט איר רבי אדא געענטפערט, "מי שלימו קורמי באגמא - האט זיך דען אויסגעלאזט די גראז פון פעלד?" דארף מען פארשטיין אין דעם ענין וואס ער האט דא געמיינט צו זאגן, עס קען נישט זיין אז ער האט געמיינט צו זאגן אז מען קען געבן גראז צו עסן פאר די קינדער נאר וואס דען האט ער געמיינט צו זאגן, נאר מען קען זאגן אז די בהמות וואס זיי זארגן זיך נישט וועגן פרנסה זיי האבן בטחון אז זיי גייען באקומען עסן גיט זיי דער אויבערשטער ווי זיי גייען גראז צו עסן, מה שאין כן די מענטש וואס האט זיך יא איבערגעקליגט און געגעסן פון עץ הדעת און נישט געהאט בטחון דארף מען זיך פלאגן פאר פרנסה. און ביי מעמד הר סיני האט די אויבערשטער געוואלט ווייזן אז מען דארף גלייבן און האבן בטחון, האט ער געמאכט אז עס זאל וואקסן גראז אויפן בארג סיני. אז מען זאל גלייבן אז מען גייט האבן וואס צו עסן. וועגן דעם פירט אויס ר' הערשעלע מאכן מיר זיכער אז מיר זאלן געדענקען אז מען דארף זיך נישט זארגן און האבן בטחון ווען ר' ייב"א האט דאס געהערט האט ער אנגעכאפט די זויל פונעם דאך און געזאגט הלוואי קען איך זיין אין גן עדן צוזאמען מיט דער וואס איז געזעצן אונטער דעם זויל צו לערנען און זיי האבן אנגעהויבן געבן גרויס כבוד אבער ער האט זיך ווייטער געהאלטן קליין.

(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

# טעמים ומנהגים

**עצרת.**

מען קען פרעגן פארוואס דווקא ביי שבועות טרעפט מען אז די תורה רופט עס "עצרת", נאר ווייל יעדע יו"ט האט צוויי חלקים איינס די טוהן די מצוה ווי למשל עסן מצה פסח, שאקלן לולב סוכות, א.ד.ג. און די צווייטע חלק ז' איינהאלטן פון טוהן א מלאכה אבער שבועות האט נאר די צווייטע חלק פון זיך איינהאלטן וועגן דעם רופט די תורה "עצרת" און וועגן דעם אויך שמיני עצרת וואס האט נאר די חלק פון זיך צוריק האלטן פון א מלאכה רופט דאס די תורה אויך עצרת.

קדושת לוי

(משה ברא"ם לאנגבערג)

**פארוואס רופן מיר די יו"ט "שבועות"?**

**א** ווייל דיווארט שבועות האט אלע נעמען וואס איז שייך צום יו"ט, ש'בועות ב'וכורים ע'צרת ת'ורתנו.

**ב** פארוואס רופט זיך דער יו"ט שבועות "זמן מתן תורתנו" און נישט "זמן קבלת תורתנו"? זאגט דער חידושי הרי"ם דער זמן פון "מתן תורתנו" איז פארגעקומען נאר איינמאל מיט טויזענטער יארן צוריק. אבער דער זמן פון "קבלת התורה" האט נישט קיין באגרעניצטע צייט, דאס איז שייך שטענדיג יעדן טאג אין יעדן זמן.
(עזריאל יהודה ארי'ה הלוי יוזשעף)

**פון ווי נעמט זיך דער מנהג אויסצושפרייטן בלומען לכבוד שבועות?**

**א** ווייל משה רבינו איז געבוירן געווארן אום ז' אדר ווי דער פסוק זאגט: ותרא אותו כי טוב ותצפנהו שלשה ירחים" וואס דערמאלטס פאלט אויס שבועות און נאכדעם שטייט ותשם אותו בסוף על שפת היאור דערפאר איז דער מנהג אויסצושפרייטן בלומען אויף שבועות אלץ זכר צו משה רבינו'ס הצלה.
חידושי הרי"ם
(יחזקאל וואזנער)

**ב** ווייל די גמרא זאגט מאי דכתיב "לחיו בערוגת הבושם מגדלות מרקחים שפתותיו שושנים" כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה נתמלא כל העולם כולו בשמים וועגן דעם פירט מען זיך צו לייגן רויזן אין בית המדרש אינעם טאג פון מתן תורה וואס געבן ארויס א גוטן גערוך.
חת"ם סופר
(מנחם לנדאו)

**ג** ווייל עשב איז ראשי תיבות ע'צרת ש'בועות ב'יכורים די דריי נעמען וואס די יום טוב ווערט גערופן אויך איז עשב ראשי תיבות ע'שה ש'לום ב'מרומיו וואס שלום ווייזט אויף תורה ווי דער פסוק זאגט וכל נתיבותיה "שלום" ווי אויך זאגט דער פסוק האמת "והשלום" אהבו אמת מיינט אויך תורה ווי דער גמרא זאגט אמת זו תורה.
וועגן דעם שפרייט מען אויס גראז אום שבועות.
אהבת ישראל
(מנחם לנדאו)

# משל ומליצה

**לא תרצח, לא תגנוב.**
מען קען עס פארשטיין געבן מיט א משל: מען האט ביי איינער פון די שטאט מענטשן אוועק גע'גנב'עט א טייערע זיידענע קלייד, איז ער ארויסגעגאנגען אין די שטאט עס צו זוכן, ער איז אריינגעגאנגען אין א הויז האט ער געזען א קלייד ליגט שיין צאמגעלייגט אויף א בעט, האט זיך אים געדאכט אז דאס איז זיין קלייד ווייל וויבאלד דאס קלייד איז געווען צאמגעלייגט האט ער נישט געזען וואס פאר א מאטריאל דער קלייד איז. גיבט ער זיך א רוף אן צום בעל הבית: וואס טוט מיין קלייד ביי דיר, גיב עס שוין צוריק. ענטפערט אים דער בעל הבית דאס איז נישט דיין קלייד, דאס איז מיין קלייד.
אזוי האבן זיך בײדע געקריגט זאגט דער בעל הבית צו אים: זאג מיר פון וואס פאר א מאטריאל איז געווען דאס קלייד וואס מ'האט פון דיר אוועקגע'גנב'עט? ענטפערט ער: פון זייד. האט אים דער בעל הבית געוויזן, אז דאס קלייד איז פון וואל, און יענער איז אוועקגעגאנגען פארשעמטערהייט.
**דער נמשל איז:** די מלאכים האבן גע'טענה'עט פאר השי"ת, גיב אונז די תורה און נישט פאר די מענטשן, מיר וועלן בעסער אפהיטן די תורה ווי די מענטשן. האט משה רבינו געמאכט א וויכוח מיט די מלאכים און האט געפרעגט השי"ת : וואס שטייט אין די תורה וואס דו ווילסט געבן? האט אים דער אויבערשטער געענטפערט, "לא תגנוב", מען טאר נישט גנב'ענען, "לא תרצח" מען טאר נישט הרג'ענען. זאגט משה צו די מלאכים גייט עס דען אן ביי די מלאכים זיי האבן נישט קיין יצר הרע. האבן די מלאכים שוין נישט געקענט האבן קיין טענה און געמוזט מודה זיין אז די תורה געהערט צו די מענטשן.
(יוסף דוב סאלינסקי)

# יומא דהילולא של

## רבינו ישראל בעל שם טוב זי"ע

## יום א' דשבועות תק"כ

דער בעל שם טוב הקדוש איז אמאל אריינגעקומען אין בית המדרש אין די שטאט "בראד". און ער האט זיך געשטעלט ביים מערב ווינקל פון בית המדרש, ווען די מענטשן האבן זיך געוואונדערט פארוואס ער האט פונקט אויסגעקליבן יענעם פלאץ פון מערב זייט (נישט ביי מזרח, אדער אינדערמיטן) האט דער בעל שם טוב הק' געענטפערט אז אויף דעם ארט האט א וואסער שעפער געמאכט א טויער צום הימל, דורך זיין גרויס תמימות און ערליכקייט. דער בעל שם טוב האט דאן דערציילט: אז א וואסער שעפער פון די שטאט פלעגט אנהייבן צו טוהן זיין ארבעט פון שעפן וואסער פאר די שטאט מענטשן נאך פאר די עלות השחר ווען עס איז געווארן די עלות פלעגט ער מפסיק זיין פון זיין ארבעט און קומען דאווענען בציבור און נאכ'ן דאווענען פלעגט ער ווייטער טוהן זיין ארבעט. אמאל האט ער בטעות אביסל פארשפעטיגט, ווען ער איז אנגעקומען אין בית המדרש האט ער געזעהן אז די ציבור האט שוין אנגעהויבן צו דאווענען, האט ער זיך אנגעהויבן צו צואיילן, ער האט שנעל אנגעטוהן זיין טלית, ער האט געוואלט ארויפשארבן זיין ארבל צו קענען לייגן תפילין אבער פון גרויס קעלט האט זיך זיין ארבל צוגעקלעבט צו זיין האנט און דער ארבל האט זיך נישט לייכט ארויפגעשארבט, אבער וויבאלד פאר די איד האט געברענט די צייט כדי מיט צוהאלטן מיט'ן ציבור, האט ער מיט שנעלקייט ארויפגעשארבט זיין ארבל, און עס האט זיך מיטגעשיילט די הויט פון זיין האנט. ער האט זיך אבער גארנישט געקימערט וועגן זיין ווייטאג. ער האט געלייגט תפילין און געדאווענט בציבור מיט גרויס התלהבות און מיט אהבת השם. האט דער בעל שם טוב אויסגעפירט אז מיט דעם דאזיגן תמימות האט ער דא געמאכט א טויער צום הימל און טאקע וועגן דעם האב איך אויסגעקליבן דעם ארט צו דאווענען.

(משה בן ר' אלי' מרדכי לאנגבערג)

הגליון נתנדב ע"י

ר' **אביגדור לאנגבערג** ור' **זלמן לייב קליין** שליט"א

מחשובי אנשי שלומינו

לע"נ זקינם הרה"ח ר' **יקותיאל יהודה** הי"ד בן ר' **בנציון** ז"ל

וזו' **זלאטא** הי"ד בת ר' **אהרן יוסף** ז"ל

נעקה"ש ביום ב' דשבועות תש"ד לפ"ק

ת.נ.צ.ב.ה.